בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קט"ו

יו"ל: כ"ה שבט ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של

**$15**

יכולין להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**אויב דו האסט דאס, בין איך דיר מקנא!**

**אוועקגעלייגט דעם חלף**

**דער רבי לערנט אונז דרך ארץ**

**"אֵשֶׁת מַפְחִידִי"**

**זיי נישט געפאלגט**

**"מיין פרומקייט זאל נישט ארויסברענגען ביי איר קיין טרערן!"**

**איך טוה גארנישט!**

**"מען האט זיך אין הימל פאר מיר אנגענומען!"**

**"גּוּף מְלֻקָּט מִכַּמָּה מְקוֹמוֹת"**

**אז דו ווילסט - נאדיר!**

**"הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ"**

**"מקטן ועד גדול!"**

**דער קראסנער רב**

**דער אמת'ער גוטער פריינד מיינער!**

**דער טויער וואס איז אייביג אפן!**

**פאָר אהיים, פאָר אהיים!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

**ארה''ק: 02.560.7387**

**ארה''ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #115**

בס"ד

# חיי מוהר"ן שיעור

## כי תשא שנת תשל"ח

(טייפ מס' 317#)

## אויב דו האסט דאס, בין איך דיר מקנא!

(ר' מאיר קארליבאך: ר' נתן האט געזאגט אמאל אויף עפעס א זאך, אויב דו האסט די זאך בין איך דיר מקנא, און אז נישט - נישט!?) **אויף התבודדות!**

**רבי נתן האט געזאגט צו זיין זון** (ר' יצחק)**: "אויף יעדער זאך דארף מען בעטן, אפילו אויף צדקה דארף מען אויך האבן התבודדות!" האט ר' יצחק א זאג געגעבן: "אויב איך גיב צדקה מרדכי'לען[א], דארף איך האבן התבודדות?!" האט רבי נתן אים געזאגט: "האסטו התבודדות - בין איך דיר מקנא, אז נישט - בין איך דיר נישט מקנא!".**

(ר' מאיר: אבער עס איז דא נאך עפעס א לשון!) **יא יא, רבי נתן האט געזאגט: "מקנא בין איך נאר מקנא אַן ערליכן איד! ווער ער איז - ווייס איך נישט, און ווער ער איז,**

---

[א] הוא רבי מרדכי בן רבי יעקב מטולטשין, המכונה 'רבי מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה' (עי' שיש"ק ח"ב שנ"ט), שהיו הוא ור' מרדכי אוהבים זה את זה כל כך בלב ונפש, עד כדי כך שלא היה ר' יצחק קונה לעצמו שום דבר אם לא קנה כמו כן לר' מרדכי. (שיש"ק ח"ב תרס"ג)

בין איך אים מקנא; (ופנה לר' נחמן טולטשינער:) **נחמן, ביסטו דער ערליכער איד? בין איך דיר מקנא!**".[ב]

❖ ❖ ❖

## אוועקגעלייגט דעם חלף

עס איז געווען איינער ר' בערל שוחט[ג], ער האט געוואוינט אין נעמיראוו. ער איז געווען ביי רבי איציקל סקווערער דער יונגערמאן וואס רבי איציקל האט אויף אים געזאגט: "**אויף זיין חלף רוהט דער שכינה!**" - אזוי האט ער אויף אים געזאגט, אזעלכע גדלות'ן. ער איז געווען ביי אים דער 'ראש השוחטים', א געוואלד געווען, זיין יראת שמים איז געווען געוואלדיג גרויס.

הכלל, נאך דעם איז מען געוואויר געווארן אז ער לערנט ליקוטי מוהר"ן, איז דאך געווארן אלץ איבערגעקערט, להיפך איז געווארן. מען האט אים אריינגענומען אין א געוואלדיגע געפענגעניש, האט ער געמיינט מען וועט אים הרג'ענען, מען האט גענומען ביי אים דער האנט (- בתקיעת כף) ער זאל מער נישט לערנען ליקוטי מוהר"ן. ער האט זיך פארלוירן (ומרוב לחץ קיבל עליו:) 'איך וועל מער נישט לערנען ליקוטי מוהר"ן'.

נאכדעם האט ער זיך מיישב געווען, 'וואס האב איך דא געטוהן? פארוואס האב איך געגעבן א תקיעת כף אז איך וועל נישט לערנען ליקוטי מוהר"ן?!' איז ער אוועקגעגאנגען פרעגן דעם טשעהרינער רב וואס ער זאל דא טוהן, האט ער אים געזאגט: "**ניט דו האסט געמעגט געבן דער האנט, און ניט זיי האבן געמעגט**

---

[ב] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ג, אות רל"א, ועיין שם שהפטיר על זה רבי אברהם בן רבי נחמן ואמר: "**איך שהוא, קרא מוהרנ"ת בכל זאת לאבי 'יהודי כשר'...**". עיין גם בשיחות הר"ן אות י"ד: "**אני מקנא מאד איש כשר** (שקורין ערליכר יהודי), כי נדמה שהולך בן אדם עם דקין וכרכשות ואברים כשאר כל העולם ואף על פי כן באמת הוא ענין אחר לגמרי, כי איש כשר יקר מאד אשרי לו".

[ג] היה נכדו של רבי דוב בער השוחט מליניץ מבני החבריא של הבעש"ט ומחבר 'שבחי הבעש"ט' ונקרא על שמו. (מכתבי ר' נתן בר"י – אנ"ש במכתבים)

נעמען!" ביידע האבן געטוהן אַן אומרעכט! זיי האבן געמעגט נעמען ביי דיר דער האנט אז דו וועסט נישט לערנען ליקוטי מוהר"ן?! האט ער דאס מבטל געווען[ד], האט ער ווייטער געלערנט ליקוטי מוהר"ן.

האט מען אים נאכאמאל געפאקט לערנען ליקוטי מוהר"ן, איז געווארן א געשריי אויף אים, איז ער אנטלאפן פון נעמיראוו קיין ברסלב און דארטן געווארן שוחט. איז דארטן אויך געווארן דאס אייגענע געשריי, איז ער ארויס קיין טעפליק. אין טעפליק איז שוין געווען אונזערע גבירים אסאך, לומדים אונזערע, דארטן איז מען געגאנגען מיט א תקיפות.

הכלל, עס איז געווען געוואלדיג, עס האט זיך געטוהן. האט רבי נחמן טולטשינער געזאגט צו אים: "בערל, דו ביסט געקומען צו אונז מאכן א מחלוקת? דו ביסט געווארן אונזערער א חסיד צו מאכן א מחלוקת? לייג אוועק דאס קלינגל (-חלף), ווער אוים שוחט!"

אלע האבן דאך געזאגט 'ר' בערל איז גערעכט'!

רבי נחמן טולטשינער האט געהאט אַן אנדערן אמת - ער האט געקענט דעם אמת פון רבי נתן'ען![ה]

---

[ד] עי' שו"ע יו"ד סי' רל"ב סעי' ט"ו; גם עיי"ש סי' רכ"ח סעי' כ' בפתחי תשובה בשם שו"ת חת"ס.

[ה] עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ו': "**אֲפִלּוּ מִי שֶׁנִּרְאֶה לוֹ שֶׁכַּוָּנָתוֹ אֶל הָאֱמֶת שֶׁרוֹצֶה בְּנִצָּחוֹן בִּשְׁבִיל לִגְמֹר אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, אַף עַל פִּי שֶׁבָּזֶה צְרִיכִין לִהְיוֹת חָזָק מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לְהִסְתַּכֵּל הֵיטֵב שֶׁלֹּא יַגִּיעַ חֻרְבָּן וַהֲרִיסָה חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה, כִּי שָׂנאוּי הַמַּחֲלֹקֶת וְגָדוֹל הַשָּׁלוֹם**". גם עיין בליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה, אות כ"ג: "אֲבָל בֶּאֱמֶת אִם יִסְתַּכֵּל עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְלֹא יַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ, בְּוַדַּאי לֹא יַחֲזִיק בְּמַחֲלֹקֶת עַל כָּל פָּנִים, כִּי יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ אוּלַי הוּא טוֹעֶה אֶת עַצְמוֹ. **וַאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ טוֹעֶה, יָבִין שֶׁלֹּא יְתַקֵּן עַל יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת כְּלָל**, אַדְּרַבָּא, יְקַלְקֵל הַרְבֵּה יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיְּתַקֵּן לְפִי דַּעְתּוֹ הַנְּבוֹכָה, כִּי **עַל יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת אִי אֶפְשָׁר לְתַקֵּן בְּשׁוּם אֹפֶן**, כִּי שְׂנְאוּי הַמַּחֲלֹקֶת מְאֹד וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר כָּל זֶה בִּכְתָב".

עס האט זיך אזוינס געטוהן, עס איז געווען א חתונה, איז ביי דער חתונה געווען א באזונדערער טאנץ: "בערל טרייף!"... און עס איז געווען א 'שער החרסית', די כלים וואס מען האט גענוצט (מבשר שחיטתו), האט מען געווארפן אויף טרייף, עס איז געווען געוואלדיג.

מען האט אויך געכאפט פסקים, זיי - די מתנגדים האבן געכאפט פסקים - האָ, אבער מיר האבן אויך געכאפט פסקים.

**זייער רב דארטן האט געזאגט: "מיר כאפן פסקים ווייל מיר זענען טאקע ווערד; אבער פארוואס כאפט איר פסקים? ווייל איר זענט עובר אויף 'אַל תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים'[י], איר רייצט זיך מיט אונז!"[ז].**

רבי נחמן האט געזאגט: "איך ווייס נישט ווער עס איז גערעכט; דו ביסט געקומען זיין א ברסלב'ער חסיד – אוועקגעלייגט דער שחיטה, ווער אויס שוחט!" האט ער געפאלגט רבי נחמן'ען און ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל[ח] און עס איז געווארן שטיל. ער ליגט אין טבריא, דא איז ער געווארן אויס שוחט. ער האט געלערנט מיט עטליכע קינדער, ער האט געהאט א נאמען ( - שם טוב), א ירא שמים, און ער איז נפטר געווארן בשם טוב.

רבי נחמן טולטשינער איז געגאנגען מיט אַן אנדערן אמת! דער אמת פון רבי נחמן'ען איז געווען - 'איך וויל נישט קוקן ווער עס איז גערעכט, דו ביסט גורם

---

[י] תהלים לז, א.

[ז] עיין שיח שרפי קודש - חלק ד שע"ב: הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהָיְתָה בֵּין הַמִּתְנַגְּדִים לְאַנַ"שׁ, גָּרְמָה לְעֹנֶשׁ מִן הַשָּׁמַיִם לִשְׁנֵי הַצְּדָדִים, כִּי נִסְתַּלְּקוּ הַרְבֵּה יִרְאֵי ה' וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים בְּמֶשֶׁךְ זְמַן קָצָר, פַּעַם פָּנָה הָרַב מִטֶּעפְּלִיק שֶׁהָיָה מְצַדֵּד לְטוֹבַת הַמִּתְנַגְּדִים לְכַמָּה מֵאַנַ"שׁ וְאָמַר לָהֶם, מֵילָא אָנוּ שָׁוִים אֶת הָעֹנֶשׁ מִשּׁוּם שֶׁרְדַפְנוּ אֶתְכֶם חִנָּם, אוּלָם מַדּוּעַ גַּם אַתֶּם נֶעֱנַשְׁתֶּם? וְתֵרֵץ בְּעַצְמוֹ וְהוֹכִיחָם וְאָמַר לָהֶם, זֶה הָיָה לָכֶם מִשּׁוּם שֶׁהִתְגָּרִיתֶם בָּנוּ וְלֹא קִיַּמְתֶּם מַאֲמַר הַכָּתוּב: "אַל תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים".

[ח] מוזכר במכתבי ר' נתן בר"י מטבריא פעמים רבות בשנים תרל"ה-תרמ"ד בין שאר אנ"ש בצפת. גם מוזכר במכתב ר' נחמן מטולטשין לצפת משנת תרמ"א (נדפס בנחלי אמונה). (גידולי הנחל)

מחלוקת? (לאז דיר ארויס דערפון!) דו ביסט טאקע א איד א צדיק, אבער דו טארסט אויך נישט גורם זיין קיין מחלוקת. דו ביסט געווארן א ברסלב'ער חסיד? ווער אויס שוחט!'.

'וואס הייסט? ר' בער, ר' בער!' - ר' בער ר' בער, און קיין מחלוקת זאלסטו נישט מאכן ביי אונז! פארשטייסט?!...

❖

## דער רבי לערנט אונז דרך ארץ

דער רבי האט געזאגט: "ווען די וועלט זאל וויסן ווי איך לערן דרך ארץ, וואלטן קיסרין זייערע קינדער געשיקט צו מיר איך זאל זיי לערנען דרך ארץ!" - א חוץ פון יראת שמים.

איך בין אנגעקומען קיין אומאן, איך בין געווען א פוילישער, איך בין געווען א גראדזיסקער, דארטן איז געווען די אלע רבי'ס - דער קאזשניצער רבי, דער פיאסעצנער רבי, רבי'ס מיט רבי'ס, האב איך זיך אנגעזעהן מיט חסידים, חסידים. ביי חסידים האב איך נישט געזעהן קיין דרך ארץ, אז איך בין געקומען קיין אומאן האב איך געזעהן עפעס אַן אנדער דרך ארץ, רוסישע אידן, זיי האבן איינער פארן צווייטן 'דרך ארץ'. זיי האבן מיר געזאגט "איר". א בחור – זאגן זיי צו מיר "איר". אזא דרך ארץ איז געווען דארט, אַן אנדער וועלט.

אזוי ווי ביים רבי'ן איז דא אַן ענין פון טוהן אין אידישקייט, איז דא א יסוד פון דרך ארץ אויך. אויב קיין דרך ארץ איז ביי אונז נישטא, איז עס אויך א 'הריסה' וואס מען פאלגט נישט דעם רבי'ן! דאס איז נישט נאר סתם, דאס איז א יסוד פונעם רבי'נס זאך, עס זאל זיין 'דרך ארץ'!

❖ ❖ ❖

# "אֵשֶׁת מַפְחִידִי"

(חיי מוהר"ן אות פ"ו, "סיפורים חדשים" אות ו':) קַיִץ תקס"ט חָלַם לוֹ שֶׁהָיָה קִבּוּץ אֶחָד שֶׁל יְהוּדִים עִם מַנְהִיג אֶחָד שֶׁהָיָה גָּדוֹל מְאֹד בָּעוֹלָם. וְגָזְרוּ גְּזֵרָה לַהֲרֹג אֶת כָּל הַיְּהוּדִים, וְהַמַּנְהִיג נָפַל עַל עֵצָה שֶׁצְּרִיכִין לְשַׁנּוֹת עַצְמוֹ לְעָרֵל. וְהָלַךְ וְקָרָא אֻמָּן וְגִלַּח לוֹ הַזָּקָן עִם הַפֵּאוֹת. וְאַחַר כָּךְ נִתְבָּרֵר שֶׁהוּא שֶׁקֶר שֶׁלֹּא נִגְזַר כְּלָל הַגְּזֵרָה הַנַּ"ל. כַּמָּה בּוּשָׁה הִגִּיעַ לְאוֹתוֹ מַנְהִיג, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהִתְרָאוֹת לִפְנֵי הָעוֹלָם וְהֻצְרַךְ לַעֲקֹר וְלִבְרֹחַ. וְאֵיךְ יוֹצְאִין מִן הַפֶּתַח וְאֵיךְ שׂוֹכְרִין עֲגָלָה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, בְּוַדַּאי הָיָה לוֹ בּוּשָׁה וּכְלִמָּה גְּדוֹלָה מְאֹד אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר. וּבְוַדַּאי הֻצְרַךְ לֵישֵׁב אֵיזֶה זְמַן אֵצֶל עָרֵל עַד שֶׁיִּצְמַח זְקָנוֹ. זֶה הֶרְאוּ לוֹ וְכוּ'.

"קַיִץ תקס"ט. חָלַם לוֹ שֶׁהָיָה קִבּוּץ אֶחָד שֶׁל יְהוּדִים עִם מַנְהִיג אֶחָד שֶׁהָיָה גָּדוֹל מְאֹד בָּעוֹלָם. וְגָזְרוּ גְּזֵרָה לַהֲרֹג אֶת כָּל הַיְּהוּדִים. איז דער מנהיג געפאלן אויף אַן עצה אז מען דארף זיך משנה זיין פאר אַן ערל" אז מען זאל נישט דערקענען אז מען איז א איד. "איז ער געגאנגען רופן אַן אומן" - א שערער, "און ער האט אים אפגעשוירן דער בארד מיט די פיאות".

"נאכדעם איז נתברר געווארן אז עס איז גאר א שקר, מען האט גארנישט גוזר געווען די גזירה. וויפיל בושה האט געהאט דער דאזיגער מנהיג, אוודאי האט ער זיך נישט געקענט באוויזן פאר דער וועלט, ער האט געדארפט עוקר זיין און אנטלויפן, און ווי אזוי גייט מען ארויס פון דער טיר, און ווי אזוי דינגט מען א וואגן, בְּוַדַּאי הָיָה לוֹ בּוּשָׁה וּכְלִמָּה גְּדוֹלָה מְאֹד אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר. וּבְוַדַּאי הֻצְרַךְ לֵישֵׁב אֵיזֶה זְמַן אֵצֶל עָרֵל עַד שֶׁיִּצְמַח זְקָנוֹ" - ער האט זיך געדארפט באהאלטן ביז עס וועט ארויסוואקסן די בארד נאכאמאל. "זֶה הֶרְאוּ לוֹ וְכוּ'".

פארוואס דערציילט אונז דאס דער רבי? וואס דארפן מיר וויסן דערפון? וואס קומט ארויס פון דער זאך? עס ווערט געבראכט פון דעם אר"י הקדוש אז עס איז דא א קליפה וואס הייסט זרש, זי מאכט דעם מענטשן שרעקן, "אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי", זי מאכט א פחד אויף דעם מענטש, א קליפה.

דער רבי דערציילט א מעשה פון א גזירה אויף אידן. עס איז פארהאן אמאל א זאך וואס דער מענטש דארף טאקע מורא האבן, אבער עס איז דא א קליפה וואס זי מאכט צופיל שרעקן, וואס דאס צופיל שרעקן דאס ברענגט אריין אין א מענטשן (א יאוש און א דערוויטערונג). א מענטש אז ער וויל אריינגיין אין א שטיקל אידישקייט – אט די קליפה דארף מען פון זיך מבטל זיין, די קליפה פון "זרש אשת מפחידי", עס איז נארוואס דא א גזירה - שוין אפגעשוירן דער בארד. דערציילט אונז דער רבי, מען זאל זיך נישט שרעקן. אז מען וויל אריינגיין אין אידישקייט, שרעק זיך נישט![ט]

נאר וואס דען? דער נישט שרעקן זאל זיין געבונדן מיט א דרך ארץ אויך. עס איז פארהאן אמאל אז איך שרעק זיך נישט - גיי איך מיט א תקיפות, עס דארף זיין געבונדן מיט דרך ארץ צוזאמען.

❖

## זיי נישט געפאלגט

ביי רבי נתן'ען איז געווען דארטן[י], זי (זוגתו) איז אוועקגעפארן צו איר פאטער רבי דוד צבי קיין מאהלוב, האבן די אינגעלייט אים געזאגט – 'זאל זי פארן, דו פאר נישט, דו בלייב איבער דא'. רבי נתן איז געווען דעמאלט ביים אנהויב התקרבות, האט ער

---

[ט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: "וְדַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד, וְהַכְּלָל **וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל**". גם עיין בליקוטי הלכות הל' גילוח ה"ג, אות ט': "**כִּי דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא לְאַיֵּם וּלְהַפְחִיד עַל הָאָדָם מְאֹד מְאֹד** וּלְהַכְבִּיד עָלָיו עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ מְאֹד מְאֹד, וּמֵחֲמַת זֶה נִמְנְעוּ רַבִּים מִלְּהַתְחִיל לִכְנֹס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, **מֵחֲמַת הָאִיּוּמִים וְהַכְּבֵדוּת הַלָּלוּ** וְכַיּוֹצֵא בָּהֶם. וְזֶה בְּחִינַת שַׁעֲטַת סוּסִים וְשִׁפְעַת הַקַּלְגָּסִים וְקוֹל הַקְּרָנוֹת וְכוּ', אֲבָל הָעִקָּר בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד הָאָדָם כְּלָל, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה הָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד, **וְהָעִקָּר הוּא שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד הָאָדָם כְּלָל**, וְעִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת לַעֲבֹר עַל הַגֶּשֶׁר צַר בְּשָׁלוֹם בְּלִי פַּחַד הוּא הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה כַּנַּ"ל". גם עיין בסיפורי מעשיות מעשה ג' מחיגר שאמר הזקן אל מלך השדים: "**אִיךְ הָאבּ פָּארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַאר דִיר**".

[י] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, ל"ה.

פארשטאנען אז זיי האבן נישט רעכט, האט ער זיי נישט געפאלגט, ער איז געפארן (מיט איר קיין מאהלוב).

ווען רבי נתן זאל ווען זיי פאלגן, וואלט עס אים אסאך געשאדט צום רבי'נס זאך! ער וואלט נישט געקענט קומען צו זיין זאך וואס ער האט באדארפט קומען ווען ער וואלט געווען זיי פאלגן!

זעען מיר עפעס ארויס דעם ענין, רבי נתן האט געוואוסט אז ער דארף זיי נישט פאלגן, איז ער אוועקגעפארן (קיין מאהלוב מיט איר).

מען דארף א גרויסע בקיאות אין דער זאך, בפרט א יונגערמאן, ער וויל קדושה, אבער עס דארף זיין פארבונדן מיט דרך ארץ אויך. פון אויבן אויף דאכט זיך אונז, עס איז עפעס א תרתי דסתרי, ווי קען זיין ביידע זאכן צוזאמען? 'אויב איך וויל זיין א מלאך, שפרינגען אין הימל אריין, ווי קען איך האבן דרך ארץ?' ניין! די ביידע זאכן קענען זיין צוזאמען! אוודאי, אז דו וועסט נעמען דער זאך מיט תפילה, מיט התבודדות, וועסטו זען אז עס קען זיין צוזאמען די ביידע זאכן. נאר אזוי ווי דו נעמסט דאס זייער ווילד, איז עס א תרתי דסתרי.

דער רבי זאגט[יא]: "מען דארף היטן זייער דעם זכרון פון עלמא דאתי!" און דער רבי זאגט[יב]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!" אט די ביידע זאכן - איינס איז נישט סותר דאס אנדערע; 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד' און 'מען זאל היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי'. אז מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי ווייל עס איז דא נאך א וועלט - ווי קען מען זיין פריילך? אפשר וועסטו מיינען 'אביסל', זאגט דער רבי, ניין, "תמיד", 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד'. נאר אז פון אויבן אויף מיינט דארטן דער 'יום המיתה', ליגן אין דער ערד, אין דער שניי, עס איז קאלט, אוודאי קען מען נישט זיין פריילך, אבער אז יום המיתה מיינט מען דעם

---

[יא] עיין תורה נ"ד.

[יב] ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' כ"ד.

תענוג פון עולם הבא, שעשוע עולם הבא וואס דאס איז אזא מין תענוג וואס א רגע תענוג פון דארטן איז בעסער פון דעם גאנצן עולם הזה, אויב דאס איז דער עולם הבא וואס דעם זכרון דארף איך היטן, קען שוין זיין ביידע צוזאמען אויך.

עס ווארט אויף מיר אזא 'תענוג עולם הבא', אזא 'שעשוע עולם הבא', וואס די מלאכים וועלן מיר דארפן פרעגן 'וואס טוהט דער אויבערשטער', אזא תענוג שטייט פאר מיר, און דאס איז דער תכלית פון יעדן אידן![יג]

נאר וואס דען, וואס מער מען וועט אין דעם עולם ממעט זיין די תענוגים, וועט מען זיין נענטער צו דעם תענוג פון דארטן, קען איך שוין יא זיין פריילך! קען איך שוין יא מאכן די ביידע זאכן צוזאמען. אדרבה, אויב איך וועל נאר אינזינען האבן 'דער' וועלט, מער - נישט, קען איך גארנישט זיין פריילך, "וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה" - וואספארא שמחה איז דאס? אכילה ושתיה - דאס איז א שמחה?! אבער אז איך האב א תענוג פון עולם הבא, אז עס שטייט פאר מיר אזא מין תענוג וואס מלאכים וועלן מיר דארפן פרעגן 'וואס טוהט דער אויבערשטער', קען איך שוין זיין פריילך 'תמיד', דעמאלט בין איך פריילך מיט דער עולם הבא. איז גאר די ביידע זאכן איינע מיט די אנדערע געבונדן, אדרבה.

דאס איז אויך דאס אייגענע, מיר ווייזט זיך אויס אז איך קען נישט קומען צו מיין זאך נאר אז איך זאל (גיין ווילד) - ניין, מיט דרך ארץ! אָן דעם זאלסטו זיך נישט רירן; איי עס איז שווער? דער רבי לערנט דרך ארץ אויך! אזוי ווי ער לערנט אונז יראת שמים, לערנט ער 'דרך ארץ' אויך, עס איז דער אייגענער רבי! ועסטו זאגן - דאס פאלג איך יא, און דאס פאלג איך נישט?!

---

[יג] עיין לקוטי מוהר"ן תנינא תורה א', אות א': "**כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר: "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת, שֶׁיָּבוֹא לְזֶה הַתַּכְלִית, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל מַלְאָכִים".

איך האב געזען ביי אסאך מענטשן, עס קומט נאך דער חתונה מאכט מען - א גאנצע הריסה ווערט אין שטוב, מען פארגעסט אז דער רבי האט זייער מקפיד געווען עס זאל זיין דרך ארץ אויך.

❖

## "מיין פרומקייט זאל נישט ארויסברענגען ביי איר קיין טרערן!"

**עס איז דא א דיבור ביי אונז: "מיין פרומקייט זאל איר נישט דערצערענען!"**

**מיין פרומקייט זאל נישט ארויסרינען קיין טרערן ביי איר!**

**מיין פרומקייט זאל איר נישט מאכן זי זאל דערפאר וויינען!**

**דאס איז א דיבור! עס וואלגערט זיך נישט אזעלכע דיבורים...**

**איי, ווי אזוי? פון אויבן אויף וויאזוי קען דאס זיין? נעם אפיר עצות ווי אזוי עס זאל אזוי זיין!**

**זעען מיר דאך אז ביים רבי'נס זאך איז געווען אזא מין דרך ארץ. 'דו' זיי ווער 'דו' דארפסט זיין, און אין שטוב זאל זיין א דרך ארץ מיט א שטילקייט!**

**דער מדרש זאגט[יד]: "גדולה דרך ארץ שקדמה כ"ו דורות קודם מתן תורה!" "טוב תורה עם דרך ארץ!"[טו] ליגט דאך עפעס אין דרך ארץ אויך א זאך, עס מוז זיין דרך ארץ אויך! 'דרך ארץ' מיינט מען נישט נאר 'משא ומתן'. דארט מיינט די**

---

[יד] ויקרא רבה ט, ג.

[טו] משניות אבות פ"ב מ"ב.

טאקע די משנה על-פי פשוט 'משא ומתן', אבער 'דרך ארץ' איז אויך דער פשט - א נימוס פון דרך ארץ, נישט מיט קיין עזות, נישט מיט קיין חוצפה[טז].

מען האט שוין כמה מאל גערעדט[יז], די משנה זאגט[יח]: "עַז פָּנִים לְגֵיהִנָּם"; ווּעמען זאגט די משנה "עז פנים" - א בעל עבירה? קומט דאך אים גיהנם פאר דער עבירה? וואס איז דער לשון "עז פנים לגיהנם"?! "וּבשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן", וואס מיינט "ובושת פנים" - אז ער טוהט מצוות? קומט אים דאך פאר די מצוות, גן עדן!? נאר עס רעדט זיך דא פון עזות מיט בושה, ער האט אין זיך א מידה פון בושה, שטילקייט, דערפאר אליין איז ער נאנט צום גן עדן.

דער מדרש זאגט דאך[יט], אברהם אבינו האט אלע עבירות איבערגעביטן אויף שיעבוד מלכיות, אבער דער עונש פון עזות איז געבליבן אין גיהנם![כ] 'עזות' דאס איז געבליבן אין גיהנם, עזות איז דער היפך פון 'דרך ארץ'. מען רעדט נישט דא פון 'עזות פנים'ער אין דער גאס, נאר א היפך פון 'דרך ארץ'!

דער רבי איז געווען אזא מין סארט גרויסער רבי, האט ער דאס אויך אינזינען געהאט, עס זאל זיין 'דרך ארץ', עס זאל נישט זיין קיין קריגעריי!

אפילו גדולי גדולים, טאמער האט מען געמאכט א מחלוקת, איז געווען ביטער, עס האט נישט געטויגט. די טירהאוויצער זענען געווען צדיקים נוראים, א געוואלד

---

[טז] עי' ברטנורא שם.

[יז] עיין בטעם זקנים קונטרס קי"ב.

[יח] שם פ"ה, משנה כ'.

[יט] עיין בראשית רבה פר' מ"ד, פס' כ"א.

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ב, אות י"א: "כִּי 'עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם'. כִּי הָעֳנָשִׁים שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים הֶחֱלִיף אַבְרָהָם אָבִינוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עַל שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, אַךְ עֹנֶשׁ הָעַזּוּת נִשְׁאַר רַק בַּגֵּיהִנֹּם".

**ווער זיי זענען געווען, האבן זיי געמאכט עפעס א שטיקל מחלוקת, איז אינגאנצן בטל געווארן** (החבורות בעבודת השם שהיה שם מקודם)**, ווייל דאס האט דער רבי פיינט!**[כא]

**דער רבי איז דן יעדעם איינעם לכף זכות, אבער א בעל מחלוקת - נישט! דאס נישט! דאס האט דער רבי פיינט! פיר נישט קיין מחלוקת!**

❖

## איך טוה גארנישט!

**רבי נתן איז דאך אלע יארן געווען א נרדף, קיינמאל נישט געווען קיין רודף, ער האט געקענט זיין א רודף אויך, די מחקרים האבן דארטן געזאגט רבי נתן'ען: "אויב איר ווילט, איר זאלט אונז נאר געבן רשות, ביז פיר-און-צוואנציג שעה וועלן די אלע שונאים אייערע זיך נישט געפינען אין לאנד!" - מען וועט זיי ארויסשיקן פון לאנד. וואס גייט ער שוין דא טוהן? ער וועט דאך זיי גארנישט טוהן - וועלן זיי זיין אין אַן אנדער לאנד! האט ער געזאגט: "ניין, ניין, פון רבי'ן האב איך נישט אזוי מקבל געווען - איך טוה גארנישט!"**[כב]**.**

**מען רעדט דאך, ער האט יא געטוהן, 'תפילה' מיט 'התבודדות' מיט 'חצות', דאס האט ער געטוהן, אבער מער - נישט! מער - נישט! ער איז קיינמאל נישט געווען**

---

[כא] ראה על כך בטעם זקנים קונטרס פ'.

[כב] עיין בשיש"ק (חדש) ח"א, אות תרמ"א: בעת המחלוקת הגדולה שהיתה על מוהרנ"ת אחרי פטירת רביז"ל, אמרו לו המחקרים: "אם תתנו לנו רשות – נכתוב בקשה להקיסר בעצמו בענין המחלוקת, ואז **ביז פיר און צוואנציג שעה וועט קיין איינער פון זיי נישט זיין אין דעם לאנד!**" כי לא זו בלבד שהיו מרחיקים אותם מאזורי המחלוקת, היו אף משלחים אותם לגמרי מגבולות המדינה. והמחקרים ניסו לדבר על לב מוהרנ"ת לשכנעו שיסכים לזאת, באמרם אליו: "**און וואס איז? מ'וועט דאך זיי נישט הרג'ענען, זיי וועלן אין אן אנדער לאנד זיין, וועלן זיי נישט זיין אין אוקריינע; וואס איז א נפקא מינה, פונקט זיין אין אוקריינע?!**". ומהרנ"ת היה אז נרדף עד למאד, והיה יכול אפוא למצוא לעצמו בכך דרך להשקיט את המחלוקת, אך היות שידע שתחבולות כגון זו אינן מדרך האמת והתמימות של רבינו, ענה ואמר להם: "**ניין! איך גיב נישט קיין רשות! פון רבי'ן האב איך אזוי ניט מקבל געווען, פון רבי'ן האב איך מקבל געווען נאר תפלה און תפלה און תפלה!**"; ווידער האט ער געזאגט: "**איך פארגין זיי נישט אז זיי זאלן זיין און הייסן 'נרדפים', איך וויל זיין דער נרדף אלע יארן!**"

קיין רודף, נאר א נרדף - אלע יארן! פארוואס? ווייל ער האט געוואוסט פון דעם רבי'ן אז איך טאר נישט האבן קיין חלק אין מחלוקת. זיי קריגן? 'זיי' קריגן, 'זיי' קריגן, 'איך' - נישט!

וואס דעמאלט האט זיך געטוהן אויף רבי נתן'ען, עס איז עפעס א געוואלד געווען, ער איז נאר געווען א נרדף, נאר געווען א נרדף. ביז דער אויבערשטער האט געהאלפן טאקע אז ער איז עם דורך געקומען, מען האט אים אריינגעזעצט אין תפיסה און מען האט אים ארויסגעלאזט. אוודאי איז געווען זייער גרויס דער בזיון, א קלייניקייט? אבער עס איז אים גוט געגאנגען, "וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף"[כג], אז דער אויבערשטער זוכט דעם נרדף, איז דער אויבערשטער געווען מיט אים.

וואס רבי נתן האט געטוהן, דאס איז אלץ געווען פונעם רבי'ן, ער האט פונעם רבי'ן מקבל געווען אז אזוי דארף מען זיך פירן - 'איך טאר נישט זיין קיין רודף!'

❖

## "מען האט זיך אין הימל פאר מיר אנגענומען!"

דאס וואס אין הימל נעמט מען זיך אָן פאר מיר, איז נישט וואס איך בין חלילה מוסר דין (לשמים), מען טאר נישט מוסר דין זיין אויף יענעם[כד], נאר פון הימל אז עס מאכט זיך אזעלכע שקצים, נעמט מען זיך אָן פון הימל[כה].

---

[כג] קהלת ג, טו.

[כד] עיין בגמ' ברכות דף נ"ה ע"א: ואמר רבי יצחק, **שלשה דברים מזכירים עונותיו של אדם**, ואלו הן: קיר נטוי, ועיון תפלה, **ומוסר דין על חבירו לשמים**. וברש"י שם: 'מזכירין עונותיו' - שעל ידיהן מפשפשים למעלה במעשיו, לומר בוטח זה בזכיותיו, נראה מה הם. 'מוסר דין' - בוטח הוא בזכיותיו שחבירו יהיה נענש על ידו.

[כה] עיין בגמ' גיטין דף ז' ע"א: שלח ליה מר עוקבא לרבי אלעזר, בני אדם העומדים עלי ובידי למסרם למלכות, מהו? שרטט וכתב ליה, 'אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני אשמרה לפי מחסום בעוד רשע לנגדי' אף על פי שרשע לנגדי 'אשמרה לפי מחסום'. שלח ליה, קא מצערי לי טובא ולא מצינא

שוין, אז פון הימל נעמט מען זיך אָן, נעמט מען זיך אָן.

טאקע אין הייסין איז געווען איינער, ר' שלמה הייסינער, ער איז געווען א רבי אין יענע יארן, ער איז געווען אין דעם רבי'נס צייטן, ער איז געווען א גרויסער חולק אויפן רבי'ן. דארטן אין הייסין איז געווען דעם רבי'נס מענטשן, גרויסע לומדים, עס איז געווען ר' ראובן יוסל - רבי נחמן טולטשינער'ס א פעטער, גרויסע לומדים, גרויסע ערליכע אידן, און עס איז געווען גבירים אויך, האט דער ר' שלמה אנגעמאכט אזא מחלוקת אז ר' ראובן יוסף האט נישט געקענט אריינגיין אין שטוב אריין. אז ער (ר' ראובן יוסף) איז אוועקגעפארן צום רבי'ן אויף ראש השנה האט ער געוואוסט אז ער קען גארנישט פארן קריק, מען וועט אים נישט ארײנלאזן אין שטוב אריין, ער קען גארנישט פארן קריק.

דער רבי האט דאך זייער מקפיד געווען מען זאל נישט בלייבן ביי אים לאנג, אבער דא נאך ראש השנה האט ער געזאגט צום רבי'ן אז ער קען נישט פארן קריק, האט דער רבי געשוויגן. עס איז אוועקגעגאנגען נאך עפעס א וואך, איז ער נאכאמאל געקומען צום רבי'ן, האט דער רבי ווייטער געשוויגן, דער רבי האט אים נישט געזאגט 'פאָר אוועק'. א גאנצער יאר אזוי געווען – א גאנצער יאר! נאך דעם אנדערן ראש השנה האט דער רבי אים געזאגט: **"פאר אהיים, מען רעדט שוין שלמה'ס ווייב א שידוך!"**[כו]

**דער רבי האט געזאגט: "מען האט זיך אין הימל פאר מיר אנגענומען; וואס האט ער געוואלט פון מיר? איך האב אים עפעס געטשעפעט?!"**

---

דאיקום בהו, שלח ליה 'דום לה' והתחולל לו' דום לה' והוא יפילם לך חללים חללים, השכם והערב עליהן לבית המדרש והן כלין מאיליהן. הדבר יצא מפי ר"א ונתנוהו לגניבא בקולר.

[כו] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות י"ח: מַה שֶׁהוֹדִיעַ בְּמוֹצָאֵי יוֹם הַכִּפּוּרִים שֶׁנֶּחְתַּם הַדִּין עַל הַמִּתְנַגֵּד שְׁלֹמֹה מֵהַיְּיסֶען שֶׁיָּמוּת שָׁמַעְתִּי זֹאת מֵאָבִי הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ וּמֵר' יִצְחָק מֵהַיְּיסֶען שֶׁשָּׁמְעוּ זֹאת מִפִּי אָחִי זְקֵנִי רַבִּי רְאוּבֵן יוֹסֵף שֶׁיָּשַׁב אֵצֶל אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל בָּעֵת הַהִיא שָׁנָה תְּמִימָה, וְלֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרוּתוֹ לָשׁוּב לְבֵיתוֹ מֵרְדִיפַת הַמִּתְנַגֵּד הַנַּ"ל וְתֵכֶף אַחַר מוֹתוֹ בַּחֹרֶף הַהוּא שֶׁאַחַר יוֹם הַכִּפּוּרִים הַנַּ"ל חָזַר מִיָּד לְבֵיתוֹ.

האט דער רבי זיך אויסגעדריקט 'מען האט זיך אין הימל אנגענומען פאר מיר'. צדיקים ווילן יענעם נישט מעניש זיין, "איך האב אים נישט מעניש געווען, מען האט זיך אין הימל אנגענומען פאר מיר!"[כז].

אז איינער איז א גרויסער עזות פנים קעגן א צדיק, נעמט מען זיך אין הימל אָן פאר אים, אבער ער מצידו טוהט גארנישט, אדרבה, ער איז נאך אויף זיי מלמד זכות.

אויף דער גאנצער וועלט האט דער רבי דאך געגעבן א לימוד זכות[כח]: **"זיי מאלן זיך אויס א מענטשן און קריגן אויף אים. א מענטש וואס האט אין זיך די עוולות דארף מען טאקע אויף אים קריגן; איי איך האב נישט? קריגן זיי דאך נישט אויף מיר! זיי קריגן אויף דעם מענטש וואס האט אין זיך די עוולות - אויף דעם מענטש דארף מען טאקע קריגן!" - א לימוד זכות! אזוי ווייט האט דער רבי דן געווען לכף זכות!**

---

[כז] עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ו: הַצַּדִּיק הוּא מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בְּעַד יִשְׂרָאֵל ... כְּשֶׁאֶחָד יוֹצֵא לַחוּץ, וְאֵינוֹ מִתְנַהֵג כַּשּׁוּרָה אֵין יְכוֹלִין לִמְצֹא עֵצָה מַה לַּעֲשׂוֹת לוֹ. כִּי הָיָה אֶפְשָׁר לְהַעֲנִישׁ אוֹתוֹ בְּעַצְמוֹ אוֹ עַל יְדֵי שָׁלִיחַ אוֹ בְּאֹפֶן אַחֵר, **אַךְ כָּל הָעֳנָשִׁים הֵם נוֹגְעִים לְהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ**. כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "שֶׁבְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר" (יְשַׁעְיָה ס"ג), כִּי הֵם חֵלֶק אֱלוֹ"קַ מִמַּעַל, וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם צָרָה, חַס וְשָׁלוֹם, לוֹ צַר כִּבְיָכוֹל; כְּמוֹ כֵן אֵצֶל הַצַּדִּיק גַּם כֵּן, **"כִּי גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב"** (מִשְׁלֵי י"ז), כִּי הָעֹנֶשׁ שֶׁמַּעֲנִישׁ אֶת אֶחָד, הוּא נוֹגֵעַ לְהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ. גם עיין בשבחי הר"ן חלק שני, אות כ"ט: "וזה האיש שביזה אותו מאד בסטנבול נפטר מיד בביאתו לביתו. ושאל האיש הנ"ל שהיה עמו את רביז"ל, **הלא כתיב 'גם ענוש לצדיק לא טוב'? והשיב לו משל על זה**", וכו', עיין שם.

[כח] עיין שיחות הר"ן, אות קפ"ב: "פעם אחת ענה ואמר: עלי אין חולקים כלל, רק הם חולקים על מי שעשה כך כמו שבודים החולקים עליו ועל איש כזה בודאי ראוי לחלוק. כלומר כי החולקים בודים עליו כזבים ושקרים אשר לא עלו על לבו שעשה כך וכך מה שהכל שקר וכזב, ועל איש כזה שעשה כך כמו שאומרים הם, בודאי ראוי לחלוק. נמצא שעליו אינם חולקים כלל, כי אם היו יודעין גודל צדקתו וקדושתו ומעלתו וכו', בודאי לא היו חולקים עליו רק אדרבא היו רצים אחריו בהתלהבות נפלא כראוי, רק הם חולקים על מי שעשה מעשים כאלה כמו שהם אומרים. על איש כזה בודאי ראוי לחלוק. ואמר שהם חתכו וציירו לעצמם אדם וחולקים עליו: **זייא האבין זיך אויס גישניצט א מענטש און קריגן אויף איהם** (היינו כנ"ל שאינם חולקים עליו רק על זה האיש שציירו לעצמן בשקר שעשה כך וכו' וכנ"ל".

דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען, 'אינזינען האבן דעם תכלית'! אבער דער תכלית איז געבונדן מיט דרך ארץ און מיט שלום. טאמער איז עס א תכלית וואס ברענגט א מחלוקת, איז דאס נישט פון דער קדושה. עס טאר נישט ווערן קיין מחלוקת; איי עס איז דיר שווער? מערער רחמים בעטן, מערער חצות'ן אויפשטיין[כט], מערער רעדן צום אויבערשטן דיבורים, עס מוז זיין ביידע צוזאמען, "זה בלא זה אי אפשר", דער תכלית - אבער מיט שלום צוזאמען.

מען איז היינט מאריך אין דעם שמועס ווייל דאס איז אויך תורה, א אינגערמאן ווערט פרום, ער ווייסט גארנישט וואס ער זאל טוהן, ער מיינט אז דאס שפרינגט ער; עס איז דיר שלעכט? שריי צום אויבערשטן![ל]

❖ ❖ ❖

## "גּוּף מְלֻקָּט מִכַּמָּה מְקוֹמוֹת"

(לומד חיי מוהר"ן סימן פ"ז:) תקס"ד לֵיל שַׁבַּת קֹדֶשׁ אַחַר הַקִּדּוּשׁ. וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם וְהָיִיתִי בְּתוֹךְ עִיר, וְנִדְמָה לִי בַּחֲלוֹם שֶׁהָעִיר הָיְתָה גְּדוֹלָה מְאֹד, וּבָא לְשָׁם צַדִּיק גָּדוֹל מִצַּדִּיקִים הַיְשָׁנִים שֶׁהָיָה מֻחְזָק לְצַדִּיק גָּדוֹל, וְהָלְכוּ הַכֹּל אֵלָיו. וְגַם אֲנִי הָלַכְתִּי אֵלָיו וְרָאִיתִי וְהָיוּ כֻּלָּם עוֹבְרִים אֶצְלוֹ בְּצִדּוֹ וְלֹא נָתְנוּ לוֹ שָׁלוֹם וְהָיָה נִרְאֶה שֶׁעוֹשִׂין זֶה בְּכַוָּנָה. וְתָמַהְתִּי מְאֹד שֶׁהָיָה לָהֶם עַזּוּת כָּזֶה, כִּי יָדַעְתִּי שֶׁהוּא צַדִּיק גָּדוֹל. וְשָׁאַלְתִּי עַל זֶה אֵיךְ יֵשׁ לָהֶם עַזּוּת כָּזֶה לִבְלִי לִתֵּן לוֹ שָׁלוֹם בְּכַוָּנָה כַּנַּ"ל. וְהָיָה הַתֵּרוּץ כִּי בֶּאֱמֶת הוּא צַדִּיק גָּדוֹל, אַךְ יֵשׁ לוֹ גּוּף מְלֻקָּט מִכַּמָּה מְקוֹמוֹת שֶׁהוּא בְּחִינַת מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אֲבָל הוּא בְּעַצְמוֹ אָדָם גָּדוֹל, וְקִבֵּל עַל עַצְמוֹ

---

[כט] עיין בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות שצ"ז: סיפרה מרת חנה צירל בתו של מוהרנ"ת, שאותה עבודת החצות שהיתה שומעת מאביה באותן שלש השנים שהיה משולח מברסלב לנעמירוב – לא ראתה אצלו קודם לכן.

[ל] עיין שיחות הר"ן אות רס"ג: "סיפר לי אחד שהיה מֵשיח עמו ז"ל מענין בני הנעורים ששכיח מאד שנעשה קלקול ביניהם ובין נשותיהם ונפרדים זה מזה איזה זמן, ולפעמים נעשה מזה פירוד לגמרי ח"ו. **אמר שזה מעשה בעל דבר שמניח את עצמו על זה מאד לקלקל השלום של בני הנעורים כדי שיתפסו במצודתו ח"ו על ידי זה.** כי הוא אורב על זה מאד לתפסם בנעוריהם על ידי קלקול השלום בית ח"ו שגורם בערמומיותו לקלקל השלום שביניהם והאריך בשיחה זאת".

שֶׁהוּא יְתַקֵּן זֶה הַגּוּף וְאֵין שׁוֹאֲלִין בִּשְׁלוֹם חֲבֵרוֹ בַּמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים עַל כֵּן לֹא נָתְנוּ לוֹ שָׁלוֹם.

"תקס"ד, לֵיל שַׁבַּת קֹדֶשׁ, נאך קידוש. וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם, איך בין געווען אינמיטן שטאט, האט זיך מיר געדאכט אין חלום אז די שטאט איז זייער א גרויסע שטאט, וּבָא לְשָׁם צַדִּיק גָּדוֹל מִצַּדִּיקִים הַיְשָׁנִים, ער איז געווען מוחזק פאר א צדיק גדול, זענען אלע געגאנגען צו אים, און איך בין אויך געגאנגען צו אים, האב איך געזעהן אז אלע גייען דורך - עוֹבְרִים אֶצְלוֹ בְּצִדּוֹ - און גיבן אים נישט קיין שלום". א צדיק גדול פון די צדיקים הישנים - און מען גיט אים נישט קיין שלום. "וְהָיָה נִרְאֶה אז זיי טוהען דאס בכוונה. וְתָמַהְתִּי מְאֹד אז זיי האבן אין זיך אזא מין עזות" צו שטיין ביי אזא מין צדיק גדול און אים נישט געבן קיין שלום. "איך האב געוואוסט אז ער איז א צדיק גדול" - זאגט דער רבי. "האב איך געפרעגט אויף דעם: אֵיךְ יֵשׁ לָהֶם עַזּוּת כָּזֶה לִבְלִי לִתֵּן לוֹ שָׁלוֹם בְּכַוָּנָה?" -

"איז געווען דער תירוץ, ווארום באמת איז ער א צדיק גדול, נאר ער האט א גוף וואס איז מלוקט פון כמה מקומות". אזעלכע גרויסע מענטשן וואס מען ווייסט אז ער קען איבערארבעטן אלעס, גיט מען זיי דייקא אזא מין שווערן גוף, א גראבן גוף, מען ווייסט אז ער וועט עס איבערארבעטן, ער איז מלוקט פון "כמה מקומות המטונפים", מען האט אים געגעבן א גוף פון צעווארפענע ערטער - א פארשמירטן גוף האט מען אים געגעבן. "אבער ער אליין איז אַן אדם גדול, וְקִבֵּל עַל עַצְמוֹ" - ער האט אויף זיך גענומען "ער זאל פאררעכטן דעם גוף". אזא מין מגושם'דיגן גוף האט מען אים געגעבן ער זאל אים פאררעכטן. "וְאֵין שׁוֹאֲלִין בִּשְׁלוֹם חֲבֵרוֹ בַּמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים", דערוויל איז דער גוף נאך א פארשמירטער, און עס איז דא א גמרא[לא] אז במקום המטונף טאר מען נישט געבן קיין שלום, "דערפאר גיט מען אים נישט קיין שלום".

פארוואס האט דאס דער רבי דערציילט? איין מענטש איז דאך נישט גליך צום אנדערן, עס איז פארהאן א מענטש וואס דער אויבערשטער העלפט אים דארטן –

[לא] שבת דף י.

ער טוהט עפעס א דבר שבקדושה און עס גייט אים גלייך, און עס איז פארהאנען אמאל א מענטש וואס וואס ער וויל טוהן א זאך איז אים אזוי שווער; ער קען נישט דאווענען, אז ער הויבט נאר אָן צו רעדן אווארט, קומט אים באלד מחשבות, ער קען זיך נישט רירן.

מיר דאכט זיך, צוויי גלייכע חברים, דעם גייט אים גלייך און דעם נישט, זאל דיר דאס נישט זיין קשה, ווייל דער גוף וואס מען האט 'אים' געגעבן איז אַן אנדער גוף, און 'דאס' איז אַן אנדער גוף. פארוואס האט מען אים געגעבן 'דאס'? 'פארוואס' וויים איך נישט! יעדער איינער האט זיינע ד' יסודות וואס מען גיט אים, זיין התמזגות היסודות, איינער איז נישט גלייך מיט דעם אנדערן, איך וויים נישט פארוואס און איך קען נישט וויסן פארוואס, מן השמים ווייסט מען 'פארוואס'. ווער ווייסט וואס ער האט פוגם געווען אין דעם ערשטן גלגול וואס מען דארף אים שיקן צוליב דעם וואס דערפאר גיט מען אים א גוף וואס איז מער כרוך צו דער זאך און מער צו דער זאך? איינער האט אין זיך די תאווה און איינער די תאווה, איינער איז מושך נאך דער זאך, דאס איז אלץ מן השמים[לב].

דערפאר טאקע, דעם רבי'נס זאך איז געווען התבודדות! התבודדות איז אזא מין זאך וואס דאס היילט אלעם אוים - 'איך רעד צום אויבערשטן!' דער אויבערשטער ווייסט דאך אלעם - איך רעד צום אויבערשטן וואס איז מיט מיר, דער אויבערשטער ווייסט דאך די אלע זאכן (מאיזה מקום נמשך). ממילא קומט אוים, וואס דיר איז און וואס דו דארפסט זיין, (וועט אלץ נתרפא ווערן דורך תפילה און התבודדות).

❖

[לב] עיין בליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, אות כ"ג: "כָּל אֶחָד צָרִיךְ לִסְפֹּר סְפִירַת הָעֹמֶר, שֶׁהוּא בְּחִינַת הִתְחַזְּקוּת הַנַּ"ל לְעַצְמוֹ כְּפִי מַה שֶּׁהוּא **וְלֹא יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁחֲבֵרָיו בְּנֵי גִילוֹ טוֹבִים מִמֶּנּוּ הַרְבֵּה**, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא מִדָּה טוֹבָה לִהְיוֹת עָנָו וּלְהַחֲזִיק כָּל אָדָם טוֹב מִמֶּנּוּ, אֲבָל אִם יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ עַל יְדֵי זֶה חַס וְשָׁלוֹם, אֵין זֶה עֲנָוָה, אַדְּרַבָּא, זֶהוּ גַּדְלוּת גָּדוֹל שֶׁאֵין נָאֶה לוֹ שֶׁיַּעֲבֹד אֵיזֶה עֲבוֹדָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק כָּל כָּךְ וַחֲבֵרָיו כְּבָר זָכוּ לְמַה שֶּׁזָּכוּ, כִּי אָסוּר לְהַרְהֵר אַחֲרֵי הַמָּקוֹם **וּמִי יוֹדֵעַ מֵאֵיזֶה מָקוֹם הוּא וּבְאֵיזֶה מְקוֹמוֹת נִמְשָׁךְ עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו, כִּי אֵין אָדָם דּוֹמֶה לַחֲבֵרוֹ כְּלָל**".

# אז דו ווילסט - נאַדיר!

עם איז פארהאנען אמאל א מענטש וואס ער קען בעטן אמאל א זאך, און אויבן לאכט מען זיך אויס פון אים, די זאך קען מען אים גארנישט טוהן (עס איז נישט פאר זיין טובה).

אין צוואת הריב"ש שטייט[לג] אז דער בעל שם האט אזוי געזאגט: א מענטש א צדיק קען אמאל בעטן א זאך, און מען גיט אים דער זאך כאטש מען ווייסט בשמים אז די זאך טויג נישט פאר אים, און דערנאך וואס מען גיט אים דער זאך, בעט ער באלד צוריק מען זאל אים צונעמען דער זאך. "רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה" - דער אויבערשטער טוהט דעם רצון פון די 'יראיו' אז ער גיט אים וואס ער וויל, כאטש ער ווייסט אז דאס טויג נישט פאר אים, און נאך דעם וועט זיין "וְאֶת שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע" - ער וועט שרייען 'נעם עס פון מיר צו', "וְיוֹשִׁיעֵם" - דער אויבערשטער וועט עס אפנעמען ביי אים קריק, ער וועט אים העלפן און ארויסנעמען קריק ביי אים. אבער דערווייל איז ער דאך א 'יראיו' – נאדיר דאס, כאטש איך ווייס אז פאר דיר טויג עס נישט. איי פארוואס גיט ער אים פריער? נאר אז דו ווילסט – נאדיר! אלע ספרים ברענגען דעם ווארט, דאס איז פון בעל שם הקדוש.

❖

[לג] עיין שם אות ד'. גם עיין בתולדות יעקב יוסף פר' שופטים, וז"ל: "שמעתי בשם מורי פירוש הפסוק (תהלים קמ"ה) **רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם**, דקשה אם כבר עשה רצון יראיו מה צריך עוד לשמוע שועתם להושיעם, ועל כל פנים איפכא הוי ליה לומר ששומע שועתם ורצון יראיו יעשה? וביאר כי מצאנו מדתו יתברך ששומע לכל הקוראים אותו או לטובה או לרעה ח"ו כמאמר חכמינו ז"ל (בעין יעקב ברכות פרק הרואה סוף סי' קל"ט) גנבא במחתרתא רחמנא קריא, וכי תימא אם כן מה הפרש יש בין צדיק לרשע? וביאר כי יש הפרש גדול ביניהם, כי הגנב שנשמע תפלתו שיוכל לגנוב ואחר כך כשנתפס בגנבתו וחוזר וקורא אליו יתברך שמו, שוב לא נענה מאחר שבחר בזה, מה שאין כן הצדיק המתפלל על איזה דבר גם שיודע השם יתברך שאין זה לטובתו מכל מקום השם יתברך עושה מבוקשו, וזהו שאמר **רצון יראיו יעשה**, ואחר כך כשרואה הצדיק שאין זה טובתו וחוזר וקורא אל ה' אז ברחמיו יתברך **שועתם ישמע ויושיעם**, ע"כ ודפח"ח".

## "הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ"

על-כל-פנים, דער ענין פון התבודדות דאס איז עפעס אזא מין גוטע עצה פאר דעם מענטשן, דער מענטש האט א שייכות נאר צו רעדן צום אויבערשטן, דאס איז אזא מין זאך וואס דאס וועט אים פארט ארויספירן אויפן אמת, ער רעדט דאך צום אויבערשטן![לד] אז ער רעדט זיך אוים - דער אויבערשטער איז דאך דער מקור האמת, כאטש ער האט נאך נישט די זכיה אז מען זאל אים שוין ענטפערן וואס ער וויל, אבער על-כל-פנים, אז ער רעדט צום אויבערשטן וועט ברוב הזמן אין אים נצמח ווערן נקודות פון אמת און ער וועט געהאלפן ווערן מיט דער זאך וואס ער דארף, כאטש בשעת מעשה זעהט ער נישט.

עס איז דא א תורה אין ליקוטי מוהר"ן[לה], די תורה פון קשי"א, ש'מע ה' ק'ולי א'קרא. זאגט דער רבי דארט: "וְעַל-כָּל-פָּנִים הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ". דער רבי זאגט דארטן: "עס קען זיין ער זאל באלד געהאלפן ווערן, און על-כל-פנים, דער אויבערשטער הערט דאך זיין קול, וואס דאס איז שוין זיין

---

[לד] עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א: "אַף עַל פִּי שֶׁנִּמְצָאִים כַּמָּה עֵצוֹת טוֹבוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהֵם מְלֵאִים עֵצוֹת לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַף עַל פִּי כֵן עַל פִּי רֹב קָשֶׁה לְהָאָדָם לְקַיֵּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ עַל כֵּן הָעִקָּר הוּא תְּפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה עַל כָּל פָּנִים יְדַבֵּר בְּפִיו בְּאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁהוּא וִיבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד שֶׁיּוֹצִיא אוֹתוֹ מֵחֹשֶׁךְ לָאוֹר וְיַחֲזִירֵהוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת וְאַל יִתֵּן דֳּמִי לוֹ עַד שֶׁיַּעֲנֵהוּ וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא קוֹרֵא וְצוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זֶה זְמַן רַב וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד מְאֹד אַף עַל פִּי כֵן **אִם יִהְיֶה חָזָק וְאַמִּיץ בִּתְפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף** יַעֲנֵהוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי בְּלִי סָפֵק** רַק חֲזַק וֶאֱמַץ".

[לה] תניינא סי' מ"ו, וזל"ש בא"ד: "וְכֵן בִּתְפִלָּה; שֶׁבִּתְחִלָּה יֵשׁ לוֹ כַּמָּה מְנִיעוֹת עַל הַתְּפִלָּה, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹבֵר עֲלֵיהֶם וּבָא לְהִתְפַּלֵּל, כְּשֶׁלִּבּוֹ עָקֹם וּפְתַלְתֹּל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זֹאת הַמְּנִיעָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם כַּנַּ"ל, הַיְנוּ בְּחִינַת (תְּהִלִּים ל"ח): "לִבִּי סְחַרְחַר". תַּרְגּוּם 'סָבִיב' 'סְחוֹר סְחוֹר'. דְּהַיְנוּ שֶׁלִּבּוֹ מְסֻבָּב וּמֻקָּף וּמְעֻקָּם בְּעַקְמוּמִיּוּת וְקֻשְׁיוֹת וּכְפִירוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת (שְׁמוֹת א): "וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה" וְכוּ'. וְאִיתָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן יג דַּף כח.): בְּקֻשְׁיָא וְכוּ', הַיְנוּ הַקֻּשְׁיוֹת שֶׁבְּלִבּוֹ, שֶׁהֵם הַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה מִכֻּלָּם, וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב, וַאֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ וּפוֹנֶה לְצַעֲקָתוֹ. וְיָכוֹל לִהְיוֹת, שֶׁמִּזֶּה בְּעַצְמוֹ יִפֹּל וְיִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי כָּל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּנִיעוֹת הַנַּ"ל, **וְעַל כָּל פָּנִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹ, שֶׁזֶּה יְשׁוּעָתוֹ**. וְזֶה אוֹתִיּוֹת קֻשְׁיָא **רָאשֵׁי תֵבוֹת: "שְׁמַע ה' קוֹלִי אֶקְרָא"** (תְּהִלִּים כ"ז) שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה כַּנַּ"ל".

ישועה!" כאטש ער ווערט נאך נישט געהאלפן, אבער דער אויבערשטער הערט דאך מיין קול! עס איז פארהאן אמאל אז דער אויבערשטער הערט מיין קול כאטש איך ווער נאך נישט געהאלפן, "על-כל-פנים השי"ת שומע קולו"! דאס איז זיין ישועה וואס דער אויבערשטער הערט צו זיין קול, דאס איז שוין די ישועה!

דאס אליין איז א געוואלדיגע זאך, איך רעד צום אויבערשטן דיבורים! דער אויבערשטער הערט צו מיין קול![לו]

אמאל נעמט מען אויבן די דיבורים אויף אַן אנדערע זאך, אבער דיין זאך איז, רעד צום אויבערשטן, דאס איז דיין זאך, רעד צום אויבערשטן - וואס עס וועט נאר ווערן דערפון, דאס דארפסטו וויסן, דאס איז דיין ישועה - דו רעדסט צום אויבערשטן, דאס איז שוין דיין ישועה!

דאס וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש[לז]: "זִמְנִין דְּלָא שָׁמַע", מיינט מען, 'באלד'! אויף באלד קען זיין "דלא שמע". ווייל אפילו א רצון טוב ווערט דאך נישט פארפאלן, נאר אמאל הערט ער 'באלד', און אמאל נישט 'באלד', מען הייסט אים צו ווארטן. "זימנין דלא שמע" גייט ארויף אויפן זמן אז אמאל הערט מען אים נישט 'באלד'.

❖

[לו] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות י"א: "עַל פִּי רֹב יִפְעֹל בְּבַקָּשָׁתוֹ הַרְבֵּה, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו וְכוּ'". וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים, חַס וְשָׁלוֹם, לֹא יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ, כִּי זְמַנִּין דְּשָׁמַע זִימְנִין דְּלָא שְׁמַע, עַל כָּל פָּנִים הָרְוִיחַ שֶׁקֵּרֵב עַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה, כִּי אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיְּקָרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פד דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וְכוּ')".

[לז] וירא דף ק"ה ע"ב. עיין גם חיי מוהר"ן אות תקנ"א: "פַּעַם אַחַת דִּבֵּר מֵעִנְיַן תְּפִלַּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁלִּפְעָמִים אֵין פּוֹעֲלִים בִּתְפִלָּתָם, כִּי זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שְׁמַע כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ". גם עיין בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ב, אות א': "אַף עַל פִּי שֶׁגַּם תְּפִלַּת הַצַּדִּיק שֶׁהִיא זַכָּה לְגַמְרֵי. לִפְעָמִים אֵין נַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ זִמְנִין דְּשָׁמַע וְזִמְנִין דְּלָא שָׁמַע אַף עַל פִּי כֵן תְּפִלַּת הַצַּדִּיק עוֹשָׂה רֹשֶׁם בְּוַדַּאי וּמְקֻבֶּלֶת לְרָצוֹן בְּוַדַּאי. רַק שֶׁאַף עַל פִּי כֵן אֵין ה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ. וּבֶאֱמֶת אֵין אָנוּ מְבִינִים דַּרְכֵי ה'". גם עיין בכוכבי אור 'אנשי מוהר"ן' אות מ"ז.

# "מקטן ועד גדול!"

**איי! אונזערע לייט פלעגן זאגן, עס שטייט כמה פעמים אין זוהר הקדוש דארטן: "אלמלא לא באנו לעלמא אלא למשמע דא - דיי!" פלעגן אונזערע לייט זאגן: "אז מען זאל מער נישט האבן פון דעם התקרבות צום רבי'ן נאר די זאך פון רעדן דיבורים צום אויבערשטן, איז שוין גענוג!" אז דאס התקרבות זאל נישט אויפטוהן נאר די זאך פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, איז שוין גענוג!**

**דאס איז דאך אזא מין זאך, וואס על-כל-פנים ווי אזוי עס איז מיט מיר, אבער איך רעד דאך צום אויבערשטן, אבער איך רעד דאך צום אויבערשטן! דער אויבערשטער הערט דאך צו מיין קול! איי - וואס? על-כל-פנים דאס אליין איז שוין די ישועה מיינע, אז איך רעד צום אויבערשטן דיבורים!**

**יעדער דיבור וואס איז ארויסגעגאנגען מפיו הקדוש איז פאר יעדן איינעם, פאר דעם קלענסטן און פאר דעם גרעסטן! וואס דער רבי זאגט א דיבור, רעדט ער דאס פאר יעדן איינעם, און יעדער איינער דארף דאס נעמען לפי ערכו![לח] אז דער רבי רעדט פון התבודדות, מיינט דער רבי יעדן איינעם, 'מקטן עד גדול'![לט] אוודאי, יעדער איינער זאל רעדן וואס מיט אים טוהט זיך איבער דארטן, זיינע מכות, זיינע**

---

[לח] עיין בשיחות הר"ן סי' קל"א: "ואפילו בקצת מקומות אשר לפום ריהטא בהשקפה ראשונה אין מבינים היטב איך נוגע הענין הזה לעובדה לפי מדריגתו. אף-על-פי-כן באמת יש שם עצות נפלאות והתעוררות נורא לשוב אליו יתברך ממקום שהוא שם ואם תשים עינך ולבך שם היטב בודאי תמצא גם שם עצות ודרכים טובים לפי מדרגתך. **כי כל דבריו ז"ל הם כלליות גדול**, וכל תורה ותורה כלול מכל התורה כולה. **ומכל בני אדם שבעולם בכל דרגה ודרגה. מן תכלית קצה העליון עד תכלית קצה התחתון. היינו שעם כל תורה ותורה ושיחה שלו יכול לעבוד את השם יתברך הגדול במעלה בתכלית המעלה, וכן אפילו הקטן והפחות בתכלית דיוטא התחתונה יכול גם כן לשוב להשם יתברך ולמצוא עצות לנפשו על ידי אותה התורה בעצמה, כי הם כלליות נפלא מאד**".

[לט] עיין בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה: "וְדַע שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים וּמְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם רַק עַל יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ **מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל** כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעֲלָה גְּדוֹלָה".

חולאת'ן, ער דארף רעדן וואס אים פעלט, און א גדול דארף רעדן אויף זיין אופן וואס אים פעלט דארטן.

רבי יודל האט געהאט התבודדות, רבי שמואל אייזיק האט געהאט התבודדות, און אונז הייסט מען אויך האבן התבודדות, יעדער איינער וועט דאס אים אויסבעסערן זיין זאך וואס אים פעלט.

אז דער רבי זאגט 'מען זאל אויפשטיין חצות', עס איז א הארת הרצון, דארף דאס יעדער איינער מקיים זיין! יעדער איינער דארף דאך האבן דעם עת רצון, דעם עת רצון דארף יעדער איינער האבן! דער צדיק דארף האבן דעם עת רצון אין זיינע השגות אלקות, און איך דארף אוודאי האבן אַן עת רצון, אז איך האב דעם עת רצון ווערן מיינע תפילות גיכער נתקבל. יעדער איינער דארף האבן דעם עת רצון, נאר לפי ערכו דארף ער האבן דעם עת רצון. און אזוי איז אין יעדע זאך; וואס דער רבי זאגט א זאך, איז עס פאר יעדן איינעם "מִקְּטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם"!

❖

## דער קראסנער רב

(השואל: 'מקטן ועד גדול' האט דער רבי געמיינט קליינע קינדער אויך?) **אה, וואס מיינסטו - קליינע קינדער?**[מ]

אין אמעריקע היינט איז דארטן דא דער קראסנער רב - רבי הילל ליכטענשטיין (ז"ל), ער איז געווען צוזאמען מיט מיר אין דייטשלאנד (אחרי המלחמה במחנות), האלט

---

[מ] עיין בחיי מוהר"ן סי' רל"ט: "עוֹד שָׁמַעְתִּי מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁפַּעַם אַחַת שָׁאַל אוֹתוֹ **אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים הַקְּטַנִּים** אֵיךְ לְהִתְבּוֹדֵד, וְלִמֵּד אוֹתוֹ לוֹמַר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי וְכוּ' כִּי הֲיִתָּכֵן שֶׁיַּעַבְרוּ יָמַי בְּהֶבֶל כָּזֶה וְכִי בִּשְׁבִיל כָּךְ נוֹצַרְתִּי (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז כִּי הֲיִתָּכֵן אַז סֶע זָאל מִיר אַזוֹי אַוֶועק גֶעהִין דִיא וֶועלְט בִּין אִיךְ דֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארְן) וְכוּ'. אַחַר כָּךְ בְּאֵיזֶה עֵת עָמַד זֶה הָאִישׁ אַחַר כָּתְלֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְשָׁמַע שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ שָׁפַךְ אֶת לִבּוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּדִבּוּרִים כָּאֵלּוּ".

ער פון דעם רבי'נס זאך – אָהַ! דעם רבי'נס זאך איז ביי אים זייער חשוב! מיר האבן גערעדט אסאך מאל דיבורים פון רבי'נס זאך! אזא מין מאמין אין רבי'ן ווי ער איז, א געוואלד!

ער האט גענומען דארט א זיווג שני, זיין זיווג ראשון איז נעבעך אומגעקומען ביי היטלער'ן, מיט די קינדער. נאכדעם האט ער געהאט עטליכע קינדערלעך. האב איך געזעהן, קומט דארטן צו א אינגעלע, "טאטע, זיידע, ער האט מיך געשלאגן". (ענה:) "רעד נישט קיין לשון הרע, רעד נישט קיין לשון הרע, קום צו מיר - מיט אים, וועלן ביידע רעדן, דו אליין – נישט!"

עס איז געווען א קליין אינגעלע...

האב איך געזעהן עפעס א מידה פון א אידן, דער אינגל דערציילט אים, זאגט ער אים: 'רעד נישט קיין לשון הרע, קום מיט אים, איך וועל אייך ביידן אויסהערן, אליין וויל איך נישט הערן!'[מא]

ער איז געווען א גרויסער מאמין אין רבי'ן זייער!

❖

## דער אמת'ער גוטער פריינד מיינער!

וויפיל דער רבי האט גערעדט צו רבי נתן'ען ביים אנהויב התקרבות, וויפיל ער האט מיט אים גערעדט דיבורים, האט ער נאך אלץ נישט געקענט פועל'ן ביי זיך אז

---

[מא] עיין בליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ט"ז: "עִקַּר הַמִּצְוָה לְקָרֵב בְּנֵי הַנְּעוּרִים דַּיְקָא כִּי הֵם עֲדַיִן בִּתְחִלַּת הַמִּלְחָמָה וְהַנִּצָּחוֹן. **וְעַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁמְּלַמְּדִים וּמְחַנְּכִים אוֹתָם בְּאֵיזֶה קְדֻשָּׁה שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, הוּא יָקָר מְאֹד. כִּי כָּל מַה שֶּׁעוֹשִׂים לְעֵת עַתָּה בִּנְעוּרֵיהֶם אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, זֶה נִשְׁאָר קַיָּם לָנֶצַח.** כִּי נִצָּחוֹן דִּקְדֻשָּׁה כָּל שֶׁהוּא קַיָּם לָנֶצַח תָּמִיד. וְגַם עַל יְדֵי זֶה יִתְחַנְּכוּ וְיִהְיוּ רְגִילִים מִנְּעוּרֵיהֶם לִלְחֹם מִלְחֲמוֹת ה' וְלָלֶכֶת בְּדַרְכֵי יֹשֶׁר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה**".

ער וועט שוין ווערן אַן איש כשר. אז דער רבי האט אים אוועקגעלייגט דער האנט על כתיפו און ער האט אים געזאגט: "און ווייטער איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אוים פאר השם יתברך, דהיינו אזוי ווי פאר אַן אמת'ן גוטן פריינד!" אז ער האט געהערט פונעם רבי'ן דעם ווארט – אָה! דאס איז דאס! דאס וועט אים שוין האלטן, דאס וועט אים שוין העלפן[מב].

פאר וועמען קען מען זיך אויסרעדן דאס הארץ? ווער וועט מיר העלפן? נאר דער אויבערשטער! ער איז דער אמת'ער גוטער פריינד מיינער!

'און ווייטער איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אוים פאר השי"ת, דהיינו אזוי ווי פאר אַן אמת'ן גוטן פריינד'.

❖

## דער טויער וואס איז אייביג אפן!

(השואל: עס ווערט דערמאנט אין דעם רבי'נס ספר אז ווייל ביי חצות איז אַן עת רצון דערפאר זאל מען אויפשטיין?) אוודאי, "חצות מסוגל כמו פדיון"[מג].

---

[מב] עיין בכוכבי אור – אנשי מוהר"ן, אות ד': "וְאַחַר כָּךְ יָצָא (רביז"ל) עִמּוֹ (מוהרנ"ת) מֵהַבַּיִת וְהָלַךְ עִמּוֹ בַּחוּץ אָנֶה וָאָנָה אֵצֶל הַבֵּית הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל דְּשָׁם וְדִבֵּר עִמּוֹ הַרְבֵּה דְּבָרִים הַמְּשִׁיבִין אֶת הַנֶּפֶשׁ, וְהֶחֱיָה אוֹתוֹ מְאֹד וּבְאֶמְצַע הַשִּׂיחָה לְקָחוֹ אַדְמוֹ"ר זַ"ל בְּיָדָיו הַקְּדוֹשׁוֹת סְבִיב כְּתֵפָיו וְעָנָה וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, **אִין וַוייטֶער סֶע זֵייעֶר גִיט, אַז מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר ה' יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ אַזוֹי וִויא מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַיין אֱמֶתְ'ן גִיטְן פְרַיינְט** [וּמֵעַתָּה, טוֹב מְאֹד אִם אוֹמְרִים אֶת כֹּל שֶׁבַּלֵּב לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ הַיְנוּ כְּמוֹ לִפְנֵי חָבֵר טוֹב אֲמִתִּי] וּמִיָּד נִכְנְסוּ אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים בִּלְבָבוֹ כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ, **וְהֵבִין תֵּכֶף** שֶׁעַל יְדֵי עֵצָה זֹאת בְּוַדַּאי יִהְיֶה נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר כָּרָאוּי כִּי כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת שֶׁיְּסַבֵּב הַבַּעַל דָּבָר בְּדַעְתּוֹ וְכָל מִינֵי מְנִיעוֹת שֶׁיִּמְנָעֵהוּ כֻּלָּם יְסַפֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עַל כָּל דָּבָר שֶׁיַּעַזְרוֹ לִהְיוֹת כָּרָאוּי לְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי וְעַל יְדֵי אֵלּוּ הַדִּבּוּרִים קֵרְבוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת גָּדוֹל מְאֹד".

[מג] ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט: "חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ (תְּהִלִּים קי"ט). **חֲצוֹת הוּא מְסֻגָּל כְּמוֹ פִּדְיוֹן, כִּי הוּא הַמְתָּקַת הַדִּינִים.** כִּי צֶדֶק דִּינָא, וּמִשְׁפָּט רַחֲמֵי. וְזֶהוּ, עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ, הַיְנוּ שֶׁצֶּדֶק גּוֹבֵר עַל מִשְׁפָּט. הַתִּקּוּן לָזֶה, חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם".

אין דער הלכה[מד], איך גערענק שוין נישט די הלכה, דאכט זיך א גרויסע הלכה, רעדט ער דארטן פון דער תורה "ואת הערבים" (ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד') און פון דער תורה פון די "כ"ד פדיונות" (סי' רט"ו), אז די כ"ד שעות היום איז אנטקעגן די כ"ד בתי דינים. עס איז דא כ"ד בתי דינים למעלה, און עס איז דא כ"ד שעות היום, און יעדע שעה איז אנטקעגן א בית דין, איז דאך עס אַן ענין פון דינים, און די צוויי שעה פון חצות דאס איז די המתקה פון די כ"ד בתי דינים, דאס איז ממתיק די כ"ד בתי דינים.

קומט אויס, דער גאנצער טאג איז גאר א התגברות פון דינים, כ"ד בתי דינים, האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט און ער האט אונז געגעבן צוויי שעה וואס דאס איז א המתקה פאר דעם גאנצן טאג.

אונזערע לייט פלעגן זאגן נאך, דער חצות מסוגל 'כמו פדיון' איז א 'פדיון הכולל'. אז דאס איז די המתקה פון די כ"ד בתי דינים איז דאך עס ממש א פדיון הכולל, די צוויי שעה פון חצות דאס איז די המתקה פון די כ"ד בתי דינים.

רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט נאך אין תורה ט'[מה], דער רבי רעדט דארטן אז ער האט געפרעגט דעם טייעא: "כמה מרחקינן ממיא" - וויפיל זענען מיר ווייט פון "שפכי כמים לבך"? האט ער געענטפערט: "תמניא פרסי", דאס איז די 'שלש תפילות' און 'חמשה חומשי תורה'. זאגט רבי אברהם ר' נחמן'ס, מילא פון 'חמשה

---

[מד] ברכת השחר ה"ה, ועיין שם באות ד'.

[מה] וז"ל בביאור הליקוטים על תורה זו: "על פי מאמר רבה בר בר חנה, כמה מרחקינן ממיא וכו', ופירש שם רבינו ז"ל, כמה מרחקינן מבחינת שפכי כמים לבך. תלתא פרסי, היינו הג' תפילות, עדיין מרחקינן וכו'. ועל פי פירוש הפשוט קשה להבין, מה ענין הג' תפילות ומה ענין שפכי כמים וכו'. אך **ענין שפכי כמים לבך, הוא תפלת חצות, שהוא ענין אחר לגמרי, שהוא נוכח פני ה' ממש בלי מחיצות ובלי הפסק שערים**. ולפי זה מתורץ מה שפירש רבינו ז"ל הגמרא הנ"ל, שיש י"ב שערים נגד י"ב שבטי יה, הלא יש י"ג שבטים וצריך להיות י"ג שערים כנגד י"ג נוסחאות התפלה. ועל פי הנ"ל מיושב היטב, כי תפלה אחת הוא בלא שער אלא נוכח פני ה' ממש. שתפלה זאת היא תפלת חצות, שצריכים לקום חצות, שאז עת רצון שתתקבל תפלתו, כי תפלתו עולה לה' ממש בלי שער מסך המבדיל, כמו שכתוב שפכי כמים לבך נוכח פני ה' ממש".

חומשי תורה', אבער פון די 'שלש תפילות'?! ער פרעגט דאך וויפיל בין איך ווייט פון 'מיא', וויפיל בין איך ווייט פון תפילה, ענטפערט ער ג' תפילות?!

נאר 'מיא' מיינט דער נקודה פון חצות, ווארום אין פסוק שטייט[מו]: "קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה וכו' שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ"; וויפיל זענען מיר ווייט פון דעם "שפכי כמים לבך", פון דער נקודה פון חצות? האט ער געענטפערט, די דריי תפילות מיט די חמשה חומשי תורה.

נאך פלעגט ער זאגן, די אלע צוועלף שערים, די י"ב נוסחאות התפילה, נישט תמיד איז דער שער אפן, צו דעם דארף מען רחמים, אבער דער שער הי"ג [עס שטייט פון דעם אר"י הקדוש אז עס איז דא א שער י"ג], דאס איז דער שער פון חצות, אט דער טויער איז תמיד אפן! "קומי רוני בלילה", דאס איז "נֹכַח פְּנֵי ה'"! דאס איז תמיד 'נוכח פני ה'', דער שער איז תמיד אפן, דאס איז דער שער הי"ג.

אזוי איז דא צוועלף שבטים, אבער יוסף איז צעטיילט אויף צוויי שבטים, איז דא דרייצן. וועלכער איז דער שער הי"ג? די תפילה פון חצות, דאס איז תמיד נוכח פני ה', דער שער איז תמיד אפן! אז דער שער איז תמיד אפן, דארף מען דען א גרעסערן עת רצון?!

נו, "קומי רוני בלילה וכו' שפכי כמים לבך".

דאכט זיך, עס שטייט אין שבחי האר"י[מז], עס איז געווען איינער אין צפת ער פלעגט וועקן צו חצות דער גאנצער שטאט, ער איז ארומגעגאנגען מיט אזעלכע מיני קולות און געוועקט, ער האט דער גאנצער שטאט אויפגעוועקט מיט אזעלכע קולות אז די גאנצע שטאט האט געמוזט אויפשטיין. האט געזאגט דער אר"י הקדוש, ער איז א ניצוץ פון ירמיה הנביא, דערפאר וועקט ער אלע צו חצות!

❖ ❖ ❖

---

[מו] איכה ב, יט.

[מז] עיין שם הסיפור באריכות.

## פאָר אהיים, פאָר אהיים!

(חסר, מדבר מאחד שברח מביתו לאומן מחמת קטטות ומריבות) **איך האב געהערט א מעשה** פון צוריק מיט הונדערט יאר, אין די יונגערע יארן ווען ער איז געווען א אינגערמאן האט ער נישט געהאט קיין שלום בית, איך וויס? זי איז געווען עפעס א מאדערנע, איז ער געקומען קיין אומאן. רבי נחמן טולטשינער איז געווען דארט אין אומאן, איז יענער אפגעוועזן צוויי שבתים, (ואמר לו ר' נחמן:) **"פאר אהיים".** (ענה הלה:) **"וואו זאל איך פארן? איך האב נישט וואו צו פארן!"** (השיב ר' נחמן:) **"פאר אהיים! דו ביסט שוין געווען צוויי שבתים, מער - נישט; אז דו וועסט בענקען דארטן? וועסטו קומען נאכאמאל, פאר אהיים!".**

האט ער געזאגט: "ר' נחמן האט מיר נישט געלאזט זיין אין אומאן". רבי נחמן האט געמאכט אז עס האט געמוזט ווערן שלום, עס האט נישט געהאלפן קיין שום זאך[מח].

**איך וויל נישט וויסן, דו ביסט געווען צוויי וואכן - פאר אהיים, פאר אהיים! ער האט אים נישט געלאזט זיין מערער!**

❖

עס שטייט דאך דארטן, איינער איז געזעצן ביים רבי'נס טיש עפעס, (ואמר רבינו:) **"ביי מיין טיש זאל זיין א הרהור?!"** איינער פון די טירהאוויצער. (אחד הנוכחים: עס שטייט אין 'אבניה ברזל'![מט]) ער האט געהאט דארט א שטיקל מיטן שלום בית, מען איז

---

[מח] בשיש"ק ישן ח"ג, אות רצ"א.

[מט] עיין באבניה ברזל, אות כ"ז: מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה בְּשָׁבוּעוֹת אוֹ בַּחֲנֻכָּה, שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, בְּעֵת שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב עַל הַשֻּׁלְחָן עִם אַנַ"שׁ: **"וֶוער הָאט דָאס אִין זִיךְ אַזַא עַזּוּת, צוּ הָאבְּן בַּיי מַיין טִישׁ אַ הִרְהוּר רַחֲמָנָא לִצְלַן? אִיךְ מֵיין נִיט טְשֶׁערִינֶער, נִיט בְּרֶסְלֶבֶר, נִיט טֶעפְּלִיקֶער!"** וְטִירָאוִויצֶער לֹא הִזְכִּיר, וְהֵבִינוּ אַנַ"שׁ, מִי הוּא אוֹתוֹ הָאִישׁ, כִּי הָיָה שָׁם אֶחָד מִטִּירָאוִויצֶע, שֶׁלֹּא הָיָה לוֹ שְׁלוֹם בַּיִת כִּשְׁתֵּי שָׁנִים, וְתֵכֶף קָם

געוואוויר געווארן אז דער רבי האט אים געבעטן, 'שוין - אוועק צוריק'! איז שוין געווארן שלום בית.

מען האט נישט געלאזט זיין אין אומאן קיין מענטש וואס איז געקומען צו פארן (צו בלייבן לאנג). צוויי וואכן - און אהיים. געקריגט? בעט זיך איבער! דא איז נישט קיין פלאץ!

**יעדער איינער דארף זעהן אז מצידו זאל האבן דעם רבי'נס זאך א הידור!**

---

רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל מִן הַשֻּׁלְחָן וְנִכְנַס לְחַדְרוֹ, וְהָאִישׁ הַנַּ"ל עָמַד עַל הַפֶּתַח וּבָכָה הַרְבֵּה מְאֹד, וְגַם אַנַ"שׁ בִּקְּשׁוּ מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל בַּעֲדוֹ, עַד שֶׁהִבְטִיחַ שֶׁיַּחֲזֹר לְבֵיתוֹ וְיַשְׁלִים מִיָּד עִם בְּנֵי בֵּיתוֹ.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוהר"ר ר' **אהרן שמואל יאקאבאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החה"ח **אורי** ני"ו למז"ט
ומחותנו מוהר"ר ר' **הערשל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו למז"ט

**בקשו רחמים מרובים**
לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון** בן
**מינדל**
לרפו"ש בקרוב בתושח"י

הרה"ח ר' **משה עסטרייכער** הי"ו
בארא פארק
לרגל נישואי בנו החה"ח **שמואל** ני"ו למז"ט
ומחותנו הרה"ח ר' **ראובן ווייס** הי"ו
מאנסי
לרגל נישואי בתו למז"ט

לע"נ האשה חשובה מרת **אסתר צירל**
בת ר' **צבי אלימלך הכהן** הי"ו
י"ז שבט. ת.נ.צ.ב.ה.
נתנדב על ידי בניה
מוהר"ר **אלטר** ומוהר"ר **בערל וואגשאהל** הי"ו

ברכת מזל טוב לידידנו
מוהר"ר **יואל יוזשעף** הי"ו
ירושלים עיה"ק
לרגל אירוסי בתו למזל טוב
המברך: ר' יוסף מענדל האס,
וחברי המערכת

מוהר"ר **משולם**
**האלפערין** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **נפתלי צבי**
**האלבערשטאם** הי"ו
מאנסי
לרגל אירוסי בנו החה"ח **חיים**
**אליעזר** ני"ו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה